צוּלִיבּ זַיְין תּוֹעֶלֶת, בִּכְדֵי אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ רִיבּוּי אִין עִנְיָנֵי עוֹלָם הַזֶּה (אָדֶער, אֲפִילוּ, אַ רִיבּוּי אִין עִנְיָנִים רוּחְנִיִּים), נָאר אַלְס הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶער עֲבוֹדָה פוּן "תַּמְלִיכוּנִי עֲלֵיכֶם":

כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ אוֹיסְפִירְן דֶער "מְלוֹךְ עַל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בִּכְבוֹדֶךָ", אַז אִין דֶער גַאנְצֶער וועֶלְט זָאל זִיךְ אָנְזֶען מַלְכוּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אִיז דָאס דוּרְךְ דֶעם וואָס אַ אִיד פַאַרְנֶעמְט זִיךְ מִיט עִנְיָנֵי עוֹלָם הַזֶּה אוּן מַאכְט פוּן זֵיי אַ "מָכוֹן לְשִׁבְתּוֹ יִתְבָּרֵךְ"[כט];

אוּן וויִבַּאלְד אַז יֶעדֶער אִיד הָאט נִיצוֹצֵי קְדוּשָּׁה וואָס זַיְינֶען שַׁיָּיךְ צוּ זַיְין נְשָׁמָה אוּן ווֶעלְכֶע עֶר (דַוְקָא) דַארְף מְבָרֵר זַיְין[ל] - וואָס זֵיי זַיְינֶען מְלוּבָּשׁ אִין דִי דְּבָרִים גַשְׁמִיִּים וואָס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטִימְט לְחֶלְקוֹ וְלַעֲבוֹדָתוֹ - דֶערִיבֶּער בֶּעט דֶער אִיד בַּיְים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים מַשְׁפִּיעַ זַיְין דִי זַאכְן (צְרָכִים), כְּדֵי עֶר זָאל דוּרְךְ זֵיי אוֹיסְפִירְן דֶעם (טֵייל פוּן) "מְלוֹךְ עַל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ" וואָס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ אִים.

קוּמְט אוֹיס, אַז אוֹיךְ אִין בַּקָּשַׁת צְרָכָיו פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִיט אַרַיְינְגֶעמִישְׁט אַ הֶרְגֵּשׁ פוּן מְצִיאוּת הָאָדָם, ווַיְיל עֶר בֶּעט זֵיי נָאר פַאר דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס ווֶעגְן[לא]. וְאַדְּרַבָּה - דָאס קוּמְט דַוְקָא מִצַּד דֶעם תַּכְלִית הַבִּיטוּל אִין ווֶעלְכְן מְ'שְׁטֵייט בַּיי דֶער עֲבוֹדָה פוּן הַכְתָּרַת הַמֶּלֶךְ; וואָרוּם וויִבַּאלְד אַז בִּירוּר הַנִּיצוֹצוֹת הָאט צוּ טָאן אוּן אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט עֶצֶם הַנְּשָׁמָה[לב] -

[דִּכְשֵׁם ווִי דִי כַּוָּנָה פוּן "נִתְאַוָּה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִהְיוֹת לוֹ דִּירָה בַּתַּחְתּוֹנִים"[לג]

---

34. See *Tanya,* ch. 34.

35. See *Kesser Shem Tov,* sec. 218 and the teaching of the Baal Shem Tov cited in sec. 8.

36. To use the wording of the Maggid of Mezritch (*Or Torah, loc. cit.*), "to generate influence, [enhancing] the indwelling of His omnipotence," "for the sake of the Divine Presence."

37. See *Likkutei Sichos,* Vol. 3, p. 825; *Kuntreis Inyano shel Toras HaChassidus,* the end of sec. 20.

38. *Tanya,* the beginning of ch. 36.

**service of refining** the world's physical substance – **is rooted in G-d's very Essence.**[39] **Similarly, a Jew's service in carrying out** this mission and **actually** carrying out G-d's **intent is connected to the very essence of his soul.**

**When it comes to the essence of** a Jew's **soul, the entire concept of personal desire has no relevance.** As we pray on Sukkos, the essence of the soul **is "bonded and attached to You [G-d], its oneness [affirming] Your oneness."**[40] **Thus, requesting** the fulfillment of **one's needs** – so that one can **carry out the Divine intent – is connected with the *bittul* of the essence of the soul that is manifest in the service of crowning G-d as King.**

(וָואס וֶוערְט דוּרְכְגֶעפִירְט דוּרְךְ עֲבוֹדַת הַבִּירוּרִים) אִיז מוּשְׁרֶשֶׁת בְּעַצְמוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ[לד], עַל דֶּרֶךְ זֶה אִיז בַּיי אִידְן (וָואס זֵיי פִירְן דוּרְךְ דִי כַּוָּנָה בְּפוֹעַל), אַז דִי עֲבוֹדָה אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט עֶצֶם נִשְׁמָתָם]

וָואס אִין עֶצֶם הַנְּשָׁמָה אִיז דָאךְ נִיט שַׁיָּיךְ דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן אֵייגֶענֶע רְצוֹנוֹת, זִי אִיז "חֲבוּקָה וּדְבוּקָה בָּךְ . . יְחִידָה לְיַחֲדָךְ"[לה] - אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז דִי בַּקָּשַׁת צְרָכָיו (כְּדֵי צוּ אוֹיסְפִירְן דִי כַּוָּנָה עֶלְיוֹנָה) אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיטְן בִּיטוּל פוּן עֶצֶם הַנְּשָׁמָה (וָואס וֶוערְט נִתְגַּלֶּה אִין דֶער עֲבוֹדָה פוּן "תַּמְלִיכוּנִי עֲלֵיכֶם").

## Joining Two Opposites

**7. On the surface, there is** still **room to question** the above. **Our Sages ordained that every Jew – regardless of his situation and** spiritual **standing – request that his needs be fulfilled on Rosh HaShanah.** When a person views himself honestly, **he knows that his requests for his physical and spiritual needs** on Rosh HaShanah **are not solely for the sake of carrying out G-d's intent. They are – at least, also** in part **– because he feels pressured in a simple sense and he desires that G-d fulfill his personal needs "from His full… and bountiful hand."**[41]

**This is what constitutes the *mitzvah*** of prayer, **as explicitly expressed in the** *Shemoneh Esreh.* **Indeed, this is the** positive **virtue**[42] **and the** unique **achievement of prayer**[43] **– that the sick be healed and that rain descend, etc.**

ז. לִכְאוֹרָה קֶען מֶען פְרֶעגְן: דִי בַּקָּשַׁת צְרָכָיו פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבְּן חֲזַ"ל קוֹבֵעַ גֶעוֶוען אִין נוּסַח הַתְּפִלָּה פַאר יֶעדֶער אִידְן אִין יֶעדְן מַעֲמָד וּמַצָּב וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ - אוּן סְ'אִיז דָאךְ יָדַע אִינָשׁ בְּנַפְשֵׁיהּ, אַז דָאס וָואס עֶר בֶּעט אוֹיף צְרָכָיו הַגַּשְׁמִיִּים (וְהָרוּחָנִיִּים), אִיז (נִיט בְּלוֹיז כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ אוֹיסְפִירְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס כַּוָּנָה, נָאר (עַל כָּל פָּנִים - אוֹיךְ)) דֶערְפַאר וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ בְּ"מֵיצַר" כִּפְשׁוּטוֹ, עֶר ווִיל אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל מְמַלֵּא זַיְין זַיְינֶע (דֶעם מֶענְטשְׁנְ'ס) צְרָכִים "מִיָּדוֹ הַמְּלֵאָה כו' וְהָרְחָבָה" וְאַדְּרַבָּא אִין דֶערוּף בַּאשְׁטֵייט דִי מִצְוָה, וְכִמְפוֹרָשׁ בְּבִרְכוֹת הַתְּפִלָּה אוּן אִין דֶערוּף בַּאשְׁטֵייט דִי מַעֲלָה[לו] אוּן אוֹיפְטוּ פוּן תְּפִלָּה - שֶׁיִּתְרַפֵּא הַחוֹלֶה וְיֵרֵד הַגֶּשֶׁם כו'.

---

**39. See the end of the** ***maamar*** **entitled** ***Im Bechukosai,*** **5667, in the series of** ***maamarim*** **entitled** ***Yom Tov shel Rosh HaShanah, 5666,*** p. 446.

**40. The** ***Hoshaanos*** **prayer for the third day of Sukkos.**

**41.** The Grace after Meals.

**42. See** ***Tanya, Kuntreis Acharon,*** **the section entitled** ***Lehavin Mashekasuv BiPri Etz Chayim*** p. 155a. **See** ***Rambam, Hilchos Tefilah*** **1:2.**

**43.** See the *maamar* entitled *Shir HaMaalos LeDavid* (*Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 3, p. 271), *et al.*, which explains the advantage of prayer over blessing – that prayer generates a new Divine will that brings about a change in material existence.

If one were told that during the prayers of Rosh HaShanah, he should ignore his physical needs entirely and instead focus solely on crowning G-d as King and fully accepting the yoke of His sovereignty, there would be no question. In the spiritual climate of that time, when "the Source of Light draws close to the spark [within man's soul],"[44] every Jew is capable of being aroused with a deep, essential drive to come close to G-d and, as a result, forget about his own needs, and focus solely on the desire to be together with the King.

However, how can every Jew be asked to join these two polar opposites – a) that he pay attention to his own needs and desire that G-d fulfill them, and b) at the same time, do so without involving his own feelings and interests but, rather, be focused solely on G-d's purpose?

אִיז בִּשְׁלָמָא ווֶען מְ'וואָלְט פוּן אִים גֶעמָאנְט אַז עֶר זָאל אִין תְּפִלַּת רֹאשׁ הַשָּׁנָה כְּלַל נִיט טְרַאכְטְן ווֶעגְן זַיְינֶע גַּשְׁמִיּוּת'דִיקֶע צְרָכִים, נָאר זַיְין גַאנְצֶע עֲבוֹדָה זָאל זַיְין בְּלוֹיז אִין דֶעם עִנְיָן פוּן "תַּמְלִיכוּנִי עֲלֵיכֶם" - פּוֹעֵל זַיְין בַּיי זִיךְ קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ - וואָלְט דָאס קֵיין קַשְׁיָא נִיט גֶעווֶען:

ווָארוּם הֱיוֹת סְ'אִיז דַאן דֶער זְמַן פוּן "קִירוּב הַמָּאוֹר אֶל הַנִּיצוֹץ"[לז], אִיז יֶעדֶער אִיד מְסוּגָּל צוּ נִתְעוֹרֵר ווֶערְן מִיט אַ הֲזָזָה עַצְמִית צוּ נֶעעֶנְטֶער ווֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וּבְמֵילָא צוּ פַארְגֶעסְן אוֹיף זַיְינֶע אֵייגֶענֶע צְרָכִים, אוּן הָאבְּן נָאר דֶעם רָצוֹן צוּ זַיְין צוּזַאמֶען מִיטְן "מֶלֶךְ".

ווִי מָאנְט מֶען אָבֶּער בַּיי יֶעדֶער אִידְן, אַז בַּיי אִים זָאלְן זַיְין בֵּיידֶע קְצָוות צוּזַאמֶען: עֶר זָאל טְרַאכְטְן ווֶעגְן זַיְינֶע אֵייגֶענֶע צְרָכִים אוּן ווֶעלְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי מְמַלֵּא זַיְין, אוּן אִין דֶעם גוּפָא זָאל זִיךְ נִיט אַרַיְינְמִישְׁן קֵיין אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן וּפְנִיּוֹת, נָאר אִינְגַאנְצְן זַיְין אוֹיסְן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס ווֶעגְן?

## When a Jew's Inner Motivation Surfaces

8. This question can be answered based on the Baal Shem Tov's[45] interpretation of the verse in Psalms,[46] "Both hungry and thirsty, their souls languished within." A Jew's physical hunger and thirst for food or drink stems from his souls' inner longing. His soul desires to refine the sparks of holiness embedded in the material substance of that food or drink, because these sparks were destined for him, and G-d's masterplan requires that he specifically refine them.

Although the person feels merely natural

ח. ווֶעט מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיטְן פֵּירוּשׁ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב[לח] אוֹיפְן פָּסוּק[לט] "רְעֵבִים גַּם צְמֵאִים נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף" - אַז דֶער הוּנְגֶער אוּן דוּרְשְׁט פוּן גוּף צוּ אַ דָבָר מַאֲכָל אָדֶער מַשְׁקֶה, נֶעמְט זִיךְ פוּן דֶעם וואָס "נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטֵּף" - דֶער נֶפֶשׁ ווִיל מְבָרֵר זַיְין דִי נִיצוֹצֵי קְדוּשָּׁה פוּן דֶעם מַאֲכָל וּמַשְׁקֶה (ווָארוּם דִי נִיצוֹצוֹת זַיְינֶען שַׁיָּיךְ צוּ אִים, "שֶׁהוּא (דַוְקָא) צָרִיךְ לְתַקֵּן").

דָאס הֵייסְט, אַז כָאטשׁ דֶער מֶענְטשׁ פִּילְט

---

44. *Derech Chayim,* pp. 13d, 21b, 91a; *Kuntreis HaAvodah,* the end of ch. 5. The intent is that this is a time when G-dliness shines forth powerfully, inspiring the inner G-dly spark in every Jew's heart.

45. *Kesser Shem Tov,* sec. 194 (p. 25c – p. 110, in the latest edition). See the letter of my revered father-in-law, the Rebbe, whose contents are cited in *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 177.

46. *Tehillim* 107:5.

בְּלוֹיז זַיין טִבְעִית׳דִיקְן הוּנְגֶער צוּ עֶסְן מִצַּד הַגּוּף, אִיז עֶס אָבֶּער בֶּאֱמֶת דֶער "הוּנְגֶער" פוּן זַיין נְשָׁמָה צוּ דִי נִיצוֹצֵי קְדוּשָּׁה שֶׁבְּמַאֲכָל וָואס גֶעהֶערְן צוּ אִים.

וְעַל דֶּרֶךְ זֶה אִיז עֶס בְּעִנְיָנֵנוּ: דָאס וָואס אַ אִיד בֶּעט רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט תַּחֲנוּנִים כו׳ אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גֶעבְּן צְרָכָיו הַגַּשְׁמִיִּים וְהָרוּחָנִיִּים, אִיז [אַף עַל פִּי אַז בְּחִיצוֹנִיּוּת אִיז עֶס מִצַּד דֶערוֹיף וָואס אִים זַיְינֶען נוֹגֵעַ עִנְיָנִים פוּן בָּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי, אוּן זַיין מְצִיאוּת, אִיז אָבֶּער] דֶער אֱמֶת אוּן פְּנִימִיּוּת פוּן דֶער שְׁפִיכַת הַנֶּפֶשׁ - דֶער "הוּנְגֶער" פוּן נְשָׁמָה צוּ אוֹיסְפִירְן דִי כַּוָּנָה הָעֶלְיוֹנָה צוּ מַאכְן פוּן דִי דְבָרִים גַּשְׁמִיִּים אַ דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ.

וְאַדְּרַבָּה: דָאס גוּפָא וָואס מ׳זֶעט, אַז אִידְן וֶוערְן נִתְעוֹרֵר בַּיים זָאגְן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף כו׳ מִי יָנוּחַ כו׳" פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְצְן נָאךְ מֶערֶער ווִי דִי הִתְעוֹרְרוּת בַּיים זָאגְן "מְלוֹךְ עַל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בִּכְבוֹדֶךָ" כו׳ - אִיז אַ הוֹכָחָה, אַז אַזוֹי אִיז עֶס אוֹיךְ בַּאֲמִיתַּת הָעִנְיָן.

וָוארוּם אַף עַל פִּי אַז דֶער טַעַם גָּלוּי אוֹיף דֶעם אִיז, ווַייל זַייעֶנְדִיק אַ נְשָׁמָה בְּגוּף, זַיְינֶען עִנְיָנֵי עוֹלָם הַזֶּה נֶעעֶנְטֶער צוּ אִים אוּן דֶערְנֶעמֶען אִים מֶער ווִי עִנְיָנִים רוּחָנִיִּים - אִיז אָבֶּער דֶער טַעַם פְּנִימִי אִין דֶעם, ווַייל דִי כַּוָּנָה פוּן עַצְמוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ אִיז (דַוְקָא) אִין דִירָה בַּתַּחְתּוֹנִים (כַּנַּ"ל סְעִיף ו), וּבְמֵילָא דֶערְנֶעמְט עֶס אוֹיךְ אַ אִידְן אִין עַצְמִיּוּת הַנֶּפֶשׁ שֶׁלּוֹ;

אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט עֶר נִתְעוֹרֵר וכו׳ אִין דִי בַּקָּשׁוֹת דַוְקָא, וָואס בִּפְנִימִיּוּת אִיז דָאס דִי הֲזָנָה עַצְמִית פוּן עֶצֶם הַנְּשָׁמָה צוּ אוֹיסְפִירְן דִי כַּוָּנָה הָעֶלְיוֹנָה צוּ מַאכְן דִי וֶועלְט אַ דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ.

**hunger that stems from his body, the true** motivation of his **hunger** stems **from his soul** and its desire **to** refine **the sparks of holiness in the food destined for him.**

**Similarly, with regard to the matter at hand, when a Jew pleads to G-d on Rosh HaShanah that He fulfill his physical and spiritual needs, externally** it appears that **what motivates him is** his personal desire for **children, health, sustenance** and other concerns connected with **his own self. However, the inner truth** that is arousing **the outpouring of his soul is the hunger of his soul to fulfill G-d's intent to fashion a dwelling for Him from these material entities.**

On Rosh HaShanah, **we see Jews being awakened from the depths of their hearts when reciting the *Unasaneh Tokef* prayer** – when hearing that on this day, judgment will be issued regarding **"who shall be [granted] tranquility** and who will [be compelled to] wander," **to a greater degree than when asking, "Reign over the entire world in Your glory."** This is not a spiritual failing. **On the contrary, this reflects what is genuinely true,** the fundamental motivation in a Jew's heart.

**Of course, the apparent reason is that, since** the person's **soul is lodged in his body** and, consequently, he feels himself closer to his body than to his soul, **the matters of this world mean more to him than spiritual matters. However, the inner reason** and motivation **is G-d's essential desire for a dwelling specifically in the lowest realm, as stated in sec. 6. Accordingly,** since a Jew is identified with G-d's Essence, **this is what touches the essence of his soul.**

**His arousal – specifically when reciting these requests** for material matters – stems from **the essential drive within his soul to carry out G-d's intent to make this world a dwelling for Him.**

## Redefining What "For Me" Means

**9. It is possible to say that from the standpoint of our Divine service, this is the reason that it was ordained to recite** the story of **Chanah's prayer as the *Haftarah* for Rosh HaShanah and to include in it the challenge issued by Eli the *kohen,* "How long will you make a spectacle of your drunkenness?"**

Eli's rebuke **was** based on the logic **that when one stands "before G-d,"**[16] **"before the Holy of Holies,"**[47] **nothing else should matter except the fact that one is standing "before G-d."**[48] In such a place, **it is not fitting to focus on material things even a request like** Chanah's, **"If you will give your maidservant a male child…."**[49] **Especially, since she "prolonged her prayer,"**[50] Eli considered **this as "drunkenness,"** preoccupation **with appropriate – but still personal ("If you will give *your* maidservant") – desires.**[51] **Her desire was so strong that she did not realize where she was standing – that she was standing "before G-d."**

To this challenge, **Chanah replied, "I poured out my soul before G-d." Not only was her prayer for a son not the result of her intoxication with her personal desires, on the contrary, it was an outpouring of the inner dimensions of her soul that is appropriate particularly when one stands "before G-d," as reflected in the verse,**[52] "My heart says, 'Seek My countenance' (***panai***)**; I will seek Your countenance, O G-d."** *Panai,* translated as "countenance," shares

ט. וְיֵשׁ לוֹמַר אַז דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם בַּעֲבוֹדָה וָואס מֶען הָאט קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ זָאגְן דִי הַפְטוֹרָה פוּן תְּפִלַּת חַנָּה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, צוּזַאמֶען מִיט דִי רֵייד פוּן עֵלִי הַכֹּהֵן "עַד מָתַי תִּשְׁתַּכָּרִין גו'":

דִי טַעֲנָה פוּן עֵלִי אִיז גֶעוֶוען, אַז בְּשַׁעַת מֶען שְׁטֵייט "לִפְנֵי ה'" - "לִפְנֵי קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים"[מ] - דַארְף נִיט זַיְין נוֹגֵעַ קֵיין זַאךְ אוֹיסֶער דֶעם אַז מֶען אִיז "לִפְנֵי ה'"[מא]; נִיטָא קֵיין אָרְט דַאן צוּ לִיגְן אִין בַּקָשׁוֹת פַאר עִנְיָנִים גַשְׁמִיִּים אוּן אֲפִילוּ נִיט פַאר אַזַא בַּקָשָׁה ווִי "וְנָתַתָּה לַאֲמָתְךָ זֶרַע אֲנָשִׁים"[מב], אוּן בִּפְרַט נָאךְ אִיז אַן אוֹפֶן פוּן "הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵּל"[מג] - דָאס אִיז דָאךְ אַ מַצָּב פוּן "שִׁכְּרוּת" פוּן אִירֶע גוּטֶע אָבֶּער דָאךְ אֵייגֶענֶע (וְנָתַתָּה לַאֲמָתְךָ) רְצוֹנוֹת[מד]; אִיר רָצוֹן אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז זִי כַאפְּט זִיךְ נִיט וואוּ זִי גֶעפִינְט זִיךְ, אַז זִי שְׁטֵייט "לִפְנֵי ה'".

אוֹיף דֶעם הָאט חַנָּה גֶעעֶנְטְפֶערְט "וָאֶשְׁפּוֹךְ אֶת נַפְשִׁי לִפְנֵי ה'": נִיט נָאר אִיז אִיר תְּפִלָּה פַאר זֶרַע אֲנָשִׁים נִיט קֵיין עִנְיָן פוּן "שִׁכְּרוּת" חַס וְשָׁלוֹם אִין אֵייגֶענֶע רְצוֹנוֹת, נָאר פַארְקֶערְט - דָאס אִיז אַן אוֹיסְגוּס

---

***47. Ralbag, I Shmuel* 1:12.**

**48. Note the teaching of the Baal Shem Tov (*Kesser Shem Tov,* sec. 97) on the verse (*Tehillim* 102:1), "The prayer of a poor man… he will pour out his words before G-d."** As the Baal Shem Tov explains, the poor man does not desire anything. His request is only that he be able to "pour out his soul before G-d." See the *maamar* entitled *Beyom Ashtei-Asar Yom,* 5731 (*Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 3, p. 133).

**49. *I Shmuel* 1:11.**

**50. Note that the prayer that the *Kohen Gadol* recited in the Outer Sanctuary** immediately after departing the Holy of Holies (*Yoma* 53b) **on Yom Kippur was a short prayer (*ibid.* 52b).**

51. The description of her prayer (*I Shmuel* 1:13), **"only her lips were moving, but her voice could not be heard," was not proof that** Eli thought **she was intoxicated** in a simple sense. Instead, he thought that she was intoxicated with her prayer. Why were only her lips moving? Because a) she was greatly intoxicated with her prayers for a worldly concern to the extent that "only her lips were **moving….**" She was so wrapped up in her prayer that she could do no more than move her lips. Furthermore, **b) this** indeed is the manner **in which one should** pray, **as stated in *Berachos* 31a.**

**52. *Tehillim* 27:8; *Likkutei Torah, Devarim* 44b-c, 66c ff.**

its root letters with the word *p'nimiyus,* "inner dimension." A Jew seeks the inner dimensions of his heart, **because he is seeking the inner dimension of G-d,** and the inner dimensions of a Jew's heart **has no personal desires. Its entire existence is "bonded and attached to You [G-d]."**[53]

פוּן פְּנִימִיּוּת הַנֶּפֶשׁ, וָואס דָאס דַוְקָא הָאט אַ שַׁיְיכוּת צוּם מַצָּב פוּן שְׁטֵייעֶן "לִפְנֵי ה׳", וּכְמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר[מה] "בַּקְּשׁוּ פָנָי (וָוארוּם) אֶת פָּנֶיךָ ה׳ אֲבַקֵּשׁ"[מו], וָואס הָאט נִיט קֵיין אֵייגֶענֶעם רָצוֹן, כָּל מְצִיאוּתָהּ אִיז וָואס "חֲבוּקָה וּדְבוּקָה בָּךְ";

**For this reason, it is also understood why, in her request, Chanah included a vow, immediately** promising that **if she was granted a son, she would "dedicate him to G-d for all the days of his life."**[49] Chanah's son's **entire life would not be his own, but would be dedicated to G-d. Her request for a son was not for herself, but solely for G-d's purposes**[54] **– and that was sensed by the inner dimensions of her soul.**

דֶערְמִיט אִיז אוֹיךְ מוּבָן וָואס זִי הָאט אִין אִיר בַּקָּשָׁה גְלַיְיךְ מְנַדֵּר גֶעוָועֶן, אַז אוֹיב "וְנָתַתָּה לַאֲמָתְךָ זֶרַע אֲנָשִׁים", אִיז - "וּנְתַתִּיו לַה׳ כָּל יְמֵי חַיָּיו"[מב]: זַיְין גַאנְצֶער לֶעבְּן וֶועט זַיְין (נִיט קֵיין אֵייגֶענֶער, נָאר) אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן; וַוְיְיל אִיר בַּקָּשָׁה אוֹיף זֶרַע אֲנָשִׁים אִיז נִיט צוּלִיב זִיךְ, נָאר בְּלוֹיז צוּלִיב דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ׳ס וֶועגְן[מז], וָואס וֶוערְט דֶערְהֶערְט בְּנַפְשָׁהּ פְּנִימָה.

## What We Ask for on Rosh HaShanah

**10.** On this basis, **every Jew can derive a lesson regarding his prayers on Rosh HaShanah. It is not enough that the inner dimension of a Jew be as it should; this inner dimension must be expressed in a revealed manner. Therefore, when a Jew stands before G-d on Rosh HaShanah and asks for the fulfillment of his material or even spiritual needs, the "Eli the *kohen*" within his soul asks, "How long will you make a spectacle of your drunkenness?" Why are you thinking about worldly matters and personal needs at the time the King is being coronated?**

יו"ד. אוּן דֶערְפוּן הָאט יֶעדֶער אִיד אַ הוֹרָאָה בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרֵךְ אִין זַיְין תְּפִלָּה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה:

עֶס אִיז נִיט גֶענוּג וָואס דִי פְּנִימִיּוּת פוּן אַ אִידְן אִיז כִּדְבָעֵי, נָאר דִי פְּנִימִיּוּת דַארְף אַרוֹיסְקוּמֶען בְּגָלוּי. אוּן דֶערְפַאר, בְּשַׁעַת אַ אִיד שְׁטֶעלְט זִיךְ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בֶּעטְן בַּיְים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף צְרָכָיו הַגַּשְׁמִיִּים, אָדֶער אֲפִילוּ הָרוּחָנִיִּים - אִיז דָא דִי בְּחִינַת "עֵלִי הַכֹּהֵן" שֶׁבְּנַפְשׁוֹ, וָואס טַעֲנֶה׳ט צוּ אִים: "עַד מָתַי תִּשְׁתַּכָּרִין"! וָואס פַאר אַ טְרַאכְטְן אִיצְט וֶועגְן עִנְיָנֵי עוֹלָם הַזֶּה אוּן אֵייגֶענֶע צְרָכִים אִין אַזַא זְמַן פוּן הַכְתָּרַת הַמֶּלֶךְ!

---

53. **It is possible to explain that Eli did not realize** Chanah's intent **because the motivation of a *kohen* (and a Levite) is to "distance themselves from the ways of the world and stand in service before G-d" (*Rambam, Hilchos Shemitah VeYovel* 13:13).**

**Certainly, this applies according to the opinion that Eli was the *Kohen Gadol*** [*Midrash Shmuel* which in some editions is also referred to as *Midrash Shocher Tov*, the end of ch. 1, *Radak, Ralbag* (*I Shmuel* 1:9)], **who should "abide in the *Beis HaMikdash* the entire day" (*Rambam, Hilchos K'lei HaMikdash* 5:7). From this standpoint, asking for one's needs and "stand[ing] before G-d" are two opposites.**

54. **This is also reflected in** the wording Chanah used **in her request. She asked for *zera anashim.* Our Sages (*Yalkut Shimoni* on the verse) interpret that phrase as referring to "wise, understanding, great and righteous men… [dedicated] to the name of the Holy One, blessed be He."**

**Nevertheless, a Jew must ask for these matters. On the contrary, the question calls forth Chanah's answer** – which was given on behalf **of every Jew, even one who at that time thinks about his needs for his own personal** desires. **The inner motivation for those requests is** Chanah's answer, **"I poured out my soul before G-d." These words are an expression of the inner dimension the soul which is "bonded and attached to You [G-d]," which is entirely one with G-d's Essence.**[55]

**Chanah's answer satisfied Eli's challenge entirely, so much so that he agreed with her and gave her his blessing and promise that "the G-d of Israel will grant the request that you asked of Him."**[56] **So, too, may G-d grant the requests of every Jew for a good and sweet year** and may that be manifest in the most **straightforward way – in revealed and apparent good, regarding children, health, and sustenance with abundance in everything.**

אַף עַל פִּי כֵן, דַארְף עֶר בֶּעטְן פַאר דִי עִנְיָנִים, דְּאַדְּרַבָּה - דָאס גוּפָא רוּפְט אַרוֹיס דֶעם עֶנְטְפֶער פוּן חַנָּה, אַז בַּיי יֶעדֶער אִיד, אֲפִילוּ דֶער וָואס דֶערְוַוייְלֶע טְרַאכְט עֶר וֶועגְן זַיְינֶע הִצְטַרְכוּת'ן צוּלִיבּ זִיךְ, אִיז (דִי פְּנִימִיּוּת פוּן) דִי בַּקָּשָׁה - אַן עִנְיָן פוּן "וָאֶשְׁפּוֹךְ אֶת נַפְשִׁי לִפְנֵי ה'", אַן אוֹיסְגוּס פוּן פְּנִימִיּוּת הַנֶּפֶשׁ, וָואס אִיז "חֲבוּקָה וּדְבוּקָה בָּךְ", אֵיין זַאךְ מִיט עַצְמוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ.

אוּן כְּשֵׁם ווִי דֶער עֶנְטְפֶער פוּן חַנָּה הָאט אִינְגַאנְצְן פַארְעֶנְטְפֶערְט טַעֲנַת עֵלִי, בִּיז אַז, אַדְּרַבָּא, עֵלִי הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיט אִיר - בִּיז צוּ גֶעבְּן אִיר זַיְין בְּרָכָה (אוּן הַבְטָחָה) אִין דֶעם "וֵאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל יִתֵּן אֶת שֵׁלָתֵךְ אֲשֶׁר שָׁאַלְתְּ מֵעִמּוֹ"[מח] - אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מְמַלֵּא דִי בַּקָּשָׁה פוּן יֶעדֶער אִידְן, פַאר אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה, כִּפְשׁוּטָה - בְּטוֹב הַנִּרְאֶה וְהַנִּגְלֶה, בְּבָנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי (וּבְכֻלָּם) רְוִיחֵי.

(משיחת יום ב' דר"ה תשל"ו)

---

55. See the interpretation of our Sages' statement (*Bava Basra* 10b), "I am giving this *sela* to *tzedekah* so that my son will live," in *Likkutei Sichos,* Vol. 5, p. 247ff. (translated in *Selections from Likkutei Sichos, Bereishis,* p. 581), that "although outwardly he is performing the *mitzvah* with an ulterior motive, since inwardly his heart is directed to G-d, not only is the deed of *tzedakah* (itself) perfect, the deed also affects the person himself, and when focusing on his inner dimensions, he is deemed – through this deed – a complete *tzaddik.*"

56. *I Shmuel* 1:17.

---

*) הוא יום היארצייט של הרבנית הצדקנית מרת חנה תנצב"ה (אמו של - יבלח"ט - כ"ק אדמו"ר שליט"א). נסתלקה שבת תשובה בעת עלות המנחה שנת תשכ"ה. המו"ל.

א) מגילה לא, א ("ומפטירין בחנה"), טור ושו"ע (ואדה"ז) או"ח סתקפ"ד ס"ב (ס"ז).

ב) שמואל־א א, ב.

ג) שהרי לכתחילה במקומה באה (אבודרהם סדר שחרית של שבת ופירושה. ועוד).

ג*) זח"ג נג, ב. ועוד.

ד) רש"י ור"ן מגילה שם. שו"ע אדה"ז שם.

ה) ראש השנה יא, א. ושם נסמן.

ו) כמחז"ל (ברכות לא, סע"א) "כמה הלכתא גברוותא איכא למשמע מהני קראי דחנה".

ז) מסכת ראש השנה שלו (ריד, א בהגה"ה). - והוא דלא כדרשת חז"ל (ילקוט שמעוני על הפסוק (שם, ג) ועלה האיש ההוא. וראה שם על הפסוק (שם, ד) ויהי היום) שהיה בעת עליה לרגל.

ח) שמואל־א שם, יג־טו.

ט) להעיר דעלי נתמנה אותו היום שופט על ישראל (רש"י שם, ט) שבאותו הזמן היו הם מנהיגי העם. וגם שופט סתם - הרי דיין צריך להיות "דן דין אמת לאמיתו" (שבת י, א. ושם נסמן), שקשור עם עיון במחשבת הנדון (עיין בתוספות שם ובבבא בתרא ח, ב).

ולהעיר, דכהנים בכלל שייכים לענין המחשבה, דעבודתם היא בחשאי וברעותא דלבא (זח"ג לט, א), וגם על פי נגלה הרי ענינם מה ש"הובדלו . . לעבודת הקרבנות" (רמב"ם הלכות כלי המקדש רפ"ד) שמחשבה עיקר בזה ולשם ששה דברים הזבח נזבח (זבחים מו, ב במשנה) ועל דרך זה בשאר העבודות.

י) ראה רש"י (ועוד) שמואל־א שם, יג (יב). מפרשי העין יעקב ברכות שם. יד אפרים וחכמת שלמה לשו"ע או"ח סי' קא. ועוד.

יא) בבא בתרא קכג, א.

יב) שמואל־א שם, יג.

יג) שם, יב.

יד) להעיר מסידור (קטז, א), דמה שאמר עלי עד מתי תשתכרין הוא ענין "שכורות ולא מיין".

טו) ראה ברכות לב, ב וברש"י ובתוספות ד"ה כל המאריך שם. ויש לומר שקס"ד דעלי היה דחנה היתה מצפה שתעשה בקשתה (וצריך עיון קצת שם לא, ב: אמרה ליה רבונו של עולם כו' דמשמע שכן הוא באמת). וצריך עיון קצת שלא הובאה מעלת המאריך בתפלתו בפוסקים שם. ואולי נכלל במה שכתוב בטור ושו"ע שם ריש סימן קז.

טז) תהלים פא, ה.

יז) משלי ל, ח. לקוטי תורה ראש השנה נד, ד. נה, סוף ע"ד. ד"ה כי חק תש"י ספ"ז.

יח) ד"ה כי חק שם. ועוד.

יט) לשון הלקוטי תורה שם נו, א.

כ) ראה בארוכה לקו"ש ח"ד ע' 1145 ואילך. 1354 ואילך. ח"ט ע' 434 ואילך. 450 ואילך. 489 ואילך. ושם נסמן.

כא) ראש השנה טז, א. לד, ב.

כב) ראה ד"ה תקעו תש"א פ"ב. ד"ה יום טוב של ראש השנה תש"ג פ"ב.

כג) הלכות תשובה רפ"ג בשם הרמב"ן. הובא בלקוטי תורה ראש השנה נט, ב.

כד) תקון ו (כב, א). וראה אור תורה להרב המגיד ריש פרשת ויגש. אגדות חז"ל ד"ה אין עומדין (קח, סע"ג). שם בסופו (ד"ה אל תעש). ולהעיר מכתר שם טוב סימן של בסופו.

כה) ואדרבה, זהו עיקר מצות עשה דתפלה להתפלל לה' כאשר חסר לו איזה דבר וכיוצא בזה (ראה ספר המצות להצמח צדק שרש מצות התפלה בתחלתו, ושם נסמן).

כה*) וראה לקו"ש חכ"ג ע' 217 ואילך.

כו) ראה שבת י, א. שו"ע אדה"ז או"ח סו"ס צה. ועיין ברכות לג, ריש ע"א: עומד לפני מלך מלכי המלכים כו'.

כז) ראה שו"ע אדה"ז סי' קד ס"ב: עומד לפני המלך - אין לזוז ממקומו.

כח) חגיגה ה, ב. וראה לקו"ש ח"ד ע' 1050 הערה 13.

כט) לשון התניא פל"ד.

ל) ראה כתר שם טוב סימן ריח. תורת הבעש"ט שהובאה לקמן בפנים סעיף ח.

לא) בלשון הרב המגיד (אור תורה שם) "להשפיע בשכינת עוזו", "בשביל השכינה".

לב) ראה גם לקו"ש ח"ג ע' 825. קונטרס ענינה של תורת החסידות סוס"כ.

לג) תניא רפל"ו.

לד) ראה סד"ה אם בחוקותי תרס"ז (בהמשך תרס"ו).

לה) הושענות דיום ג'.

לו) ראה תניא קו"א ד"ה להבין מ"ש בפע"ח. וראה רמב"ם הלכות תפלה פ"א ה"ב.

לז) דרך חיים יג, ריש ע"ד. כא, סע"ב. צא, א. קונטרס העבודה ספ"ה.

לח) כתר שם טוב סימן קצד (כה, ג). וראה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר (נעתק תוכנו בלקו"ש ח"א ע' 177).

לט) תהלים קז, ה.

מ) רלב"ג שמואל־א שם, יב.

מא) להעיר מתורת הבעש"ט (כתר שם טוב סימן צז) על הפסוק (תהלים קב, א) "תפלה לעני גו' ולפני ה' ישפוך שיחו".

מב) שמואל־א שם, יא.

מג) להעיר מתפלת כהן גדול בהיכל ביוהכ"פ (יומא נג, ב) - שהיתה "תפלה קצרה" (שם נב, ב במשנה).

מד) ומה שכתוב (שם, יג) "רק שפתיה נעות וקולה לא ישמע" - יש לומר שאין זה ההוכחה שהיא שכורה כי אם: א) זה מורה על גודל השכרות שלה (בהתפלה על עניני עולם הזה), עד שרק שפתיה נעות גו'. ב) כן צריך להיות - כדאיתא בברכות (לא, סע"א).

מה) תהלים כז, ח. לקוטי תורה נצבים מד, ב־ג. שבת שובה סו, ג ואילך.

מו) ויש לומר, דזה שעלי לא הרגיש בזה, הוא מפני שענינו של כהן (ולוי) הוא להבדל מדרכי העולם ולעמוד לשרת לפני ה' (רמב"ם הלכות שמיטה ויובל בסופן) [ובפרט להדיעה שעלי היה כהן גדול (מדרש שמואל (שוחר טוב) ספ"א. רד"ק ורלב"ג שמואל־א שם, ט) - שיושב במקדש כל היום (רמב"ם הלכות כלי המקדש פ"ה ה"ז)] - ולכן מצד בחינה זו, שאילת צרכיו ולעמוד לפני ה' הם מצבים הפכים.

מז) כמודגש גם בבקשתה גופא - "זרע אנשים", ופירשו חז"ל (ילקוט שמעוני על הפסוק) "אנשים חכמים ונבונים וגדולים וצדיקים אמרה (חנה) . . שהם לשמו של הקב"ה".

מח) שם, יז.

ב"ה

# *Ever wonder why...*

SHARING THE ORIGINAL WORKS OF THE CHABAD REBBEIM

sie

## ...Hashem created light first if there were no other creations to benefit from it yet?

FIND THE ORIGINAL QUESTION AND ANSWER IN SELECTIONS FROM LIKKUTEI SICHOS, VOL. I, BEREISHIS, P. 18 FF.




The Rebbe's Likkutei Sichos revolutionizes Torah study, Jewish life, and G-dly experience. For the first time ever, a curated selection of Likkutei Sichos is available in English.
Now you can enjoy the original in its purest form.
Bereishis, Shmos available. Vayikra coming soon.

**Original talks. Original questions.**
**Original answers. Original insights.**

sie

ORDER NOW AT
Sie.org
& stores

CONNECT WITH US!

SICHOS IN ENGLISH